# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים



מקף השפיע לפ"ק
גליון קמ"ח

## פראגע

**וויאזוי קען איינער וואס מאנגלט אין זעלבסט-זיכערקייט עס באקומען, כדי ער זאל קענען אויפטון זאכן?**

## ענטפער:

א מענטש דארף זיך אויסלערנען וויאזוי צו טון זאכן **טראץ** זיין מאנגל אין זעלבסט-זיכערקייט. פארוואס דארף מען זעלבסט-זיכערקייט? דער עיקר איז **צו טון**. איז איינמאל מען קומט אין א מצב פון טון זאכן לויט געוויסע פראצעדורן און מען ווייסט וויאזוי עס צו טון, טו עס! און זאג "איך ווייס אז איך האב נישט קיין זעלבסט-זיכערקייט אבער איך וועל עס טון סיי-וויאזוי."

צי ווייסט איר וויפיל מענטשן האבן דערגרייכט און געזיגט, זיי זענען געווען סוקסעספול אן קיין זעלבסט-זיכערקייט? עס זענען דא מענטשן וואס רעדן ברבים אבער זענען זייער שעמעדיגע מענטשן, און זיי האבן הצלחה אין זייער רעדן. ביזן היינטיגן טאג זענען זיי שעמעדיג. אבער וואס קענען זיי טון? זיי דארפן רעדן.

אויב איר דארפט טון א געוויסע מיסיע, גייט פאראויס און טוט עס. פארגעסט וועגן אייער מאנגל אין זעלבסט-זיכערקייט. טוט עס סיי-וויאזוי און זארגט אייך נישט וואס עס גייט געשען. צום סוף וועט איר זען אז איר האט עס געטון בעסער ווי א צווייטן. אין רוב פעלער זענט איר באמת בעסער ווי דעם צווייטן. דער מענטש וואס האט אסאך זעלבסט-זיכערקייט טוט עס געווענליך שוואכער ווי דער מענטש וואס האט נישט קיין זיכערקייט און איז זייער פארזיכטיג עס צו טון ריכטיג.

עס איז נישט גענוג געזאגט אויף די נושא, אבער איך דארף ענטפערן אויף נאך שאלות יעצט.(#441)

## פראגע

**איך רעדט דא אסאך מאל וועגן געוואלדיגע השקפות צו וואס יעדער איד דארף שטרעבן. אבער אפטמאל איז זייער שווער צו דערגרייכן די מדריגות. קענט איר געבן אן עצה וויאזוי אנצוקומען פון וואו מיר זענען ביז וואו מיר ווילן אנקומען?**

## ענטפער:

א גוטע פראגע. זענען נישט געוויסע פון די געדאנקען צו הויעך פאר אונז צו דערגרייכן? וואס קענען מיר טוען צו קומען נענטער דערצו?

איר מוזט וויסן אז ווען מען האנדלט מיט דיאמאנטן, יעדע ברעקל פון א דיאמאנט איז טייער. איך האב עס אייך שוין אמאל ערקלערט אז איך האב א קרוב וואס האנדלט מיט דיאמאנטן, זייער א רייכער מענטש. זיי האבן מיר דערציילט אז יעדן טאג בעפאר ער שפארט צו זיין געשעפט, בייגט ער זיך אראפ אויף די קניען מיט א בערשטל און ער קלויבט צוזאם אלע שטויב אויף דער ערד, ווייל עס איז דא דיאמאנטן אין די שטויב; ס'איז דיאמאנטן-שטויב דארט. איך ווייס נישט אויב יעדער טוט עס, אבער ער טוט עס. **א קליין שטיקל דיאמאנט איז אויך ווערדפול.**

אויב איר שטרעבט צו די מדריגות און איר גליסט דארט אנצוקומען, וועט איר עפעס דערגרייכן. פטור בלא כלום אי אפשר – ס'איז אוממעגליך נישט צו מצליח זיין. אויב איר זענט מצליח נאר אביסל, זענט איר א געוואלדיגער סוקסעס. אויב איר זענט מצליח מער, זענט איר נאך א גרעסערער מוצלח.

וויאזוי איז מען מצליח? דורך חזרה. כסדר זיך אליינס דערמאנען; אויפ'ן גאס, אינדערהיים, אייביג. טראכט וועגן די זאכן, שטרעב דערצו, און איר וועט זיין איבערראשט – מיט די צייט וועט עס ווערט א חלק פון אייער פערזענליכקייט און איר וועט צום סוף אנקומען. אויב מען קומט נישט אן צו די העכסטע ציל, כאטש האט מען דערגרייכט האלב.

זייט אבער נישט מזלזל אפילו אין א קלייניקייט. יעדע פיצל דערגרייכונג איז ווערד! אפילו אויב פאר איין מינוט רעדט איר דערוועגן צו זיך אליינס ווען קיינער הערט נישט, זענט איר א מוצלח. איר מורמלט צו זיך אליינס אזוי ווי דוד המלך האט געטון. דוד האט גערעדט צו זיך כסדר: "הללי נפשי את ה'" – "מיין זעל, לויב דעם אויבערשטן!" "ברכי נפשי את ה'" – "מיין זעל, בענטש דעם אויבערשטן!" רעד כסדר צו זיך אליינס. אודאי זאל קיינער נישט הערן, אבער ווען קיינער איז נישט ארום.

רעד צו זיך אליינס. הייב זיך אונטער! זאג: **"עורי עורי"** – וועק דיך אויף! וועק דיך אויף מיין זעל און דערמאן זיך וועגן די געוואלדיגע השגות. איר קענט איבערהערן דעם שיעור נאכאמאל און נאכאמאל. איר קענט קוקן אויף אייערע נאטיצן אדער צוהערן צו די טעיפס. סיי־וואס איר טוט נאר, דערמאנט אייך כסדר. און יעדע ביסל איז זייער א גרויסע דערגרייכונג.

(#583)

## פראגע

### איז א פראבלעם צו באוואונדערן די קאלירפולע לעקטערלעך וואס אונזערע נישט־אידישע שכנים הענגען אויף אין די יעצטיגע חאגא סעזאן?

## ענטפער:

ס'איז א גרויסע פראבלעם צו באוואונדערן יעדע זאך וואס איז אין סיי־וועלכע וועג פארבינדן צו עבודה זרה.

אודאי נישט! **"תזרם כמו דוה"** (ישעי' ל, כ"ב) – ווארף עס אוועק ווי א טמא'נע זאך! ס'איז עקלדיג. און אפילו איר טראכט נישט אזוי באמת, דארפט איר רעדן צו זיך אליינס אז ס'איז עקלדיג. מען דארף זיך צוגעוואוינען צו טראכטן ריכטיג. די לעקטערלעך זענען עקלדיג. חס ושלום צו באוואונדערן די לעקטערס.

איך וויל נישט זאגן ברבים וואס זיי פייערן, אבער עס איז איינס פון די מערסט־שאנדפולע זאכן אין היסטאריע. א קינד איז געבוירן געווארן פון א פרוי וואס זאגט "ס'איז נישט פון מיין מאן", און דאס ווערט געפייערט איבער די גאנצע וועלט אלס די פרייליכסטע געשעעניש! עקלדיג! עס איז די ערגסטע סארט געבורט וואס קען נאר זיין, און זיי ווילן עס פייערן מיט לעקטערס?

(E-211)

## פראגע

### וויאזוי קען א מענטש אויפהערן רייכערן?

## ענטפער:

דער ענטפער איז ווי פאלגענד: ער שטייט אויף אינדערפרי און די ערשטע זאך מאכט ער ביעור חמץ – ער ווערט פטור פון אלע ציגארעטן אינעם הויז. ער פארניכט אלע ציגארעטן. און דאן מאכט ער א נדר אדער א שבועה אז ער גייט נישט היינט רייכערן ביז 1:00. ביז 1:00 קען ער זיך צוריקהאלטן. ער קען מאכן א שבועה, אבער ער זאל זאגן אזוי: "אויב איך רייכער היינט בעפאר 1:00, וועט עס מיר קאסטן $1,000."

אלזא, דער מענטש, זיין רייץ איז נישט צו שטארק ווייל ער ווייסט אז ער האט נאך א וועג ארויס. עס קאסט טאקע געלט, אבער ס'איז א וועג ארויס. ער וועט זיך איינהאלטן ביז 1:00. און 1:00 זאגט ער, "ס'איז וואונדערבאר! איך פיל אזוי גוט! לאמיך פרובירן ווייטער. ער קען זאגן, "איך שווער אז איך וועל נישט רייכערן ביז 4:00 חוץ אויב איך צאל $1,000." ביי 4:00 שפירט ער בעסער און ער קען עס טון נאכאמאל. 9:00 ביינאכט טוט ער די זעלבע זאך נאכאמאל. און דאן גייט ער שלאפן, און איין גאנצע טאג איז אריבער.

ער זאל עס איבערטון יעדן טאג אויפ'ן זעלבן אופן. די שבועה איז בלויז פאר א קורצע צייט, און ס'איז נישט געגצליך אוממעגליך, ווייל ווען מען ווייסט אז עפעס איז אויף אייביג פארבאטן ארבעט דער יצר הרע שטערקער. אבער איינמאל מען ווייסט אז ס'איז בלויז א צייטווייליגע זאך, ס'איז נאר ביז 4:00, און אפילו איך וויל עס פארדעם קען איך צאלן $1,000 פאר צדקה, קען עס געטון ווערן. דאס איז דער וועג צו באזיגן דעם יצר הרע פון רייכערן. אויב איר דארפט אביסל מער ראט, רעדט צו מיר פריוואט. (#485)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# אין אלע ספרים געשעפטן!

דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!




אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973


בס"ד
שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
וועכענטליך אויף אימעיל
עונג שבת
אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
נאר אידיש
עונג שבת
לה"ק-אידיש
תזריע-טהרה
שנת תשע"ה לפ"ק
וביום השמיני ימול בשר ערלתו
לה"ק אידיש
$4.00
מרגניתין
לקט מובחר מגליונות בלשון הקודש על
פ' שמיני
שנת תשע"ה לפ"ק
נאר לשון הקודש
$1
א וואך
מועדים $3
ברילאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק
זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782
אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב